# איבער דעם הכשר פון דעם

# ועד הכשרות פון די "התאחדות הרבנים"

## אויף די

# יאנעווער אתרוגים

שוין איייניגע יאר וואס דער אויבענדערמאנטער ועד הכשרות געט הכשרים אויף די יאנעווער אתרוגים, געקליבען אונטער זייער השגחה בפיקוחו של ר' יחזקאל ראטה. איצט זענען זיי ארויסגעקומען מיט א הצהרה אז די אתרוגים וועלכע זענען געקליבען געווארען דורך א באקאנטען רבי'ן (נין ונכד להגוה"ק מראפשיץ זי"ע) שליט"א, שטייען נישט אונטער זייער השגחה, ובכן זענען זיי נישט פאראנטווארטליך פאר זייער כשרות... איר הערט, זיי נעמען נישט קיין אחריות פאר אתרוגים וואס זענען געקליבען געווארען פון א באקאנטען רבי'ן א בנן של קדושים, און ווער נעמט דאס נישט דאס אחריות, די געמיינע יונגען פון זייער אפיס גליק, גרובער וחבריהם...

שומו שמים!!!

איצט ווילען מיר איבערגעבען א סצענע וואס מיר האבען געזעהן מיט אונזערע אויגען פאראיארען אין איטאליע, וואו מיר האבען געקויפט און געקליבען אתרוגים פון דארטיגע גערטנער, זעלבסטפארשטענדליך נישט מיט דער השגחה פון דעם דערמאנטען ועד הכשרות.

פלוצלים דערזעהן מיר א קליין אידעל, איינגעהילט אין א איצטלא דרבנן, מיט אברייטען קאפעליוש אויף זיין קאפף, און מיר זענען צו אים צוגעגאנגען מיט גרויס דרך ארץ, און אים דערלאנגט א ברייטען שלו' עליכם, און מיט דרך ארץ געפרעגט אויף זיין נאמען, דען מיר האבען אים נישט געקענט. ער האט זיך פאר אונז פארגעשטעלט אז זיין נאמען איז הרב ר' יחזקאל ראטה, דיין פון דער סאטמערער קהלה אין בארא פארק. ער האט אונז אויך געזאגט אז ער איז דא אין פארטרעטונג פון דעם ועד הכשרות שעל יד ההתאחדות הרבנים בוויליאמסבורג, משגיח צו זיין אויף דעם כשרות האתרוגים וועלכע שטייען אונטער זיין השגחה. מיר האבען גראדע געקענט דעם גארטען און זיין בעל הבית, מיט וועלכען מיר שטייען אין געשעפטליכע פארבינדונג זייט פילע יארען, און עס איז אונז אויך באקאנט געווען די געשיכטע פון דעם דערמאנטען גארטען און זיינע בוימער, און דעריבער האבען מיר דוקא דעם גארטען אויסגעמיטען נישט צו קלויבען פון אים קיינע אתרוגים.

אבער ווען מיר האבען געזעהן דעם דערמאנטען דומ"ץ מיט זיין פרומען געשטעל אז ער לאזט זיינע חסידים יא קלויבען די אתרוגים פון דעם גארטען, האבען מיר אים געפרעגט, פון וואו ער איז ביי זיך אזוי זיכער אז די דאזיגע אתרוגים זענען על כל פנים בחזקת בלתי מורכבים און מען וועט מעגען אויף זיי א ברכה מאכען. האט ער פארגלאצט מיט די אויגען צום הימעל און גענומען דרייען מיט די הענט ווי א חסר דעה ל"ע, און געשעפשעט מיט גרויס דביקות, דער בורא כל עולמים באהיט ערליכע אידען פון מכשולים, ואפילו בהמתן של צדיקים, וצדיקים עצמם לא כל שכן. מיר האבען אבער ווייטער געדרוקט אויף אים וועגען די סימני מורכבים און בלתי מורכבים, ער האט זיך אבער נישט געוואלט אריין לאזען מיט אונז אין דעם ענין, און ווייטער זיך געפרומט מיט עמי הארצ'ישע דביקות און טענות שלא ממין הענין. אזוי האבען מיר זיך איבערגעצייגט, אז דער מענטש האט נישט די מינדעסטע אהנונג, וואס א כשר'ער אתרוג איז, א עם הארץ גמור אין דעם ענין (אין אנדערע ענינים ווי למשל כשרות הבשר, וניקור החלבים, ווייסען מיר נישט) און אויף אזא ראש המשגיחים באזירט מען דעם הכשר אויף טויזענטער אתרוגים, אויף וועלכע טויזענטער אידען ספענדען הונדערטער טויזענטער (אפשר מיליאנען) און מאכען אויף זיי א ברכה בשם ומלכות, יוצא צו זיין מיט זיי מצות ארבעה מינים, אוי לדור שכך עלתה בימיו ....

הרב ברוך יצחק הלוי